# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת תצוה, שבת זכור, י"א אדר, שנת תשפ"ו לפ"ק — שנה 15, גליון 22 (740)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................5:27
מוצאי שבת קודש...........6:59

**שיעורים כסדרן**
נ"ך...........................קהלת י"ב
בבלי.......................מנחות מ"ח
ירושלמי..................גיטין ל"ט
תוספתא...............תרומות ח'
רמב"ם.......................דעות ד'

## תִּמְחֶה אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק

דִי וָואךְ אִיז שַׁבָּת זָכוֹר, מִיר גֵייעֶן אוֹיסְמֶעקְן עֲמָלֵק, אַלֶע קוּמֶען אִין שׁוּל הֶערְן דִי קְרִיאָה פוּן שַׁבָּת זָכוֹר, עֶס אִיז אַ מִצְוַת עֲשֵׂה דְאוֹרַיְיתָא אוֹיסְצוּמֶעקְן עֲמָלֵק. דִי עִיקָר קְלִיפָּה פוּן עֲמָלֵק אִיז אַרַיינְבְּרֶענְגֶען סְפֵיקוֹת אִינֶעם מֶענְטְשׁ, "הֲיֵשׁ ה' בְּקִרְבֵּנוּ אִם אָיִן" (שְׁמוֹת יז, ז), אוּן גְלַייךְ נָאכְדֶעם שְׁטֵייט: "וַיָּבֹא עֲמָלֵק" (שָׁם, ח); הָמָן-עֲמָלֵק מַאכְן אַלֶע צָרוֹת, זֵיי מַאכְן מְשׁוּגָע דֶעם מֶענְטְשׁ אַז דֶער הַיינְטִיגֶער טָאג אִיז שׁוֹין פַארְפַאלְן, הַיינְט וֶועסְטוּ שׁוֹין נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין, הַיינְט וֶועסְטוּ שׁוֹין נִישְׁט אוֹיפְטוּן, אוּן אַזוֹי מַאכְט עֶר יֶעדְן טָאג מְשׁוּגָע, אוּן דֶערְפַאר שְׁטֵייט (שָׁם, ט): "צֵא הִלָּחֵם בַּעֲמָלֵק מָחָר", הַאלְט מִלְחָמָה מִיט דִי קְלִיפָּה פוּן עֲמָלֵק, וָואס זָאגְט 'מָחָר', מָארְגְן. הֵייבּ הַיינְט אָן דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען, שְׁטוּפּ עֶס נִישְׁט אָפּ אוֹיף מָארְגְן, הַיינְט גֵיי אִין שׁוּל, הַיינְט גֵיי אִין מִקְוֶה, הַיינְט נֶעם אַ חוּמָשׁ אוּן זַיי מַעֲבִיר סֶדְרָה, נִישְׁט מָארְגְן, וָואס וֵוייסְטוּ וָואס מָארְגְן גֵייט זַיין?!

שַׁבָּת זָאלְסְטוּ גֵיין אִין שׁוּל, אוּן אַז דַיין וַוייבּ קֶען גֵיין הֶערְן קְרִיאַת עֲמָלֵק זָאל זִי גֵיין, אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֶעלְף מִיךְ, עֲמָלֵק וויל מִיךְ אַוֶועק נֶעמֶען פוּן צַדִיק, פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, 'אֲשֶׁר קָרְךָ'** (דְבָרִים כה, יח)**, עֲמָלֵק קִילְט מִיךְ אָפּ מִיט לֵיצָנוּת, 'וַיְזַנֵּב בְּךָ כָּל הַנֶּחֱשָׁלִים אַחֲרֶיךָ'** (שָׁם)**, עֶר נֶעמְט נַארִישְׁקֵייטְן 'וְזוֹרְקָן כְּלַפֵּי מַעֲלָה'** (רַשִׁ"י, שָׁם)**, אוּן מַאכְט מִיךְ טְרַאכְטְן פוּן זֵיי, אַבִּי נִישְׁט פוּנֶעם צַדִיק וָואס קֶען מִיךְ הֶעלְפְן..."**

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט בְּשֵׁם דֶעם צַדִיק רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה: "דֶער עִיקָר מְחַיֵּית עֲמָלֵק אִיז דוּרְךְ שִׂמְחָה", 'שִׂמְחָה' אִיז דִי זֶעלְבֶּע אוֹתִיּוֹת פוּן "'שֶׂמָּחָה' תִּמְחֶה אֶת זֵכֶר עֲמָלֵק", מִיט שִׂמְחָה מֶעקְט מֶען אוֹיס דִי טוּמְאַת עֲמָלֵק.

דֶער סַמַ"ךְ מֶ"ם, עֲמָלֵק - ווִילְן נָאר אֵיין זַאךְ, מֶען זָאל אוֹיפְגֶעבְּן אוֹיף דָאס וֶועלְן זַיין עֶרְלִיךְ אוּן אוֹיף דָאס בֶּענְקֶען צוּ זַיין גוּט. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קכ) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִילִּים לא, כה): "חִזְקוּ וְיַאֲמֵץ לְבַבְכֶם כָּל הַמְיַחֲלִים לַה'", דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט, שְׁטַארְקְט אַייךְ אַלֶע וָואס 'הָאפְן' צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אֲפִילוּ אִם אֵינְכֶם זוֹכִים לְשׁוּם קְדֻשָּׁה וַעֲבוֹדָה חַס וְשָׁלוֹם", אֲפִילוּ דִי וָואס זֶענֶען נִישְׁט זוֹכֶה צוּ קַיין שׁוּם קְדוּשָׁה אוּן עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, "רַק מְיַחֲלִים לְבַד", אֵיין זַאךְ הָאבְן זֵיי, דָאס ווִילְן אוּן בֶּענְקֶען, "אַף עַל פִּי כֵן חִזְקוּ וְאִמְצוּ", מִיט דֶעם זָאלְן עֶנְק זִיךְ שְׁטַארְקְן; דָאס קֶען עֲמָלֵק נִישְׁט סוֹבֵל זַיין, דָאס אִיז זַיין זַאךְ, ווִי מֶען קֶען אַרָאפְּוַוארְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ אִין אַ יֵאוּשׁ, עֶר זָאל שׁוֹין נִישְׁט שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן "אִיךְ ווִיל זַיין גוּט", עֶר זָאל אָפְּלָאזְן זַיינֶע רְצוֹנוֹת, זַיין בֶּענְקֶענִישׁ.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, נָאכְן אוֹיסְמֶעקְן עֲמָלֵק קֶען מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ, נָאךְ שַׁבָּת זָכוֹר קוּמְט פּוּרִים, וַוייל פְרֵיילִיךְ קֶען מֶען נָאר זַיין וֶוען דִי אֱמוּנָה אִיז גַאנְץ, דִי אֱמוּנָה אִיז קְלָאר אוּן לוֹיטֶער. דִי עֵצָה פַאר אֱמוּנָה אִיז בֶּעטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעבּ מִיר אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ שֶׁעם זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק פוּן דִיר אַז אִיךְ הָאבּ בִּלְבּוּלִים אוּן סְפֵיקוֹת, הֶעלְף מִיר, גֶעבּ מִיר אַ קְלָארֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דִיר, אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַז דוּ בִּיסְט דָא, דוּ בִּיסְט מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר, אִיךְ זָאל גְלֵייבְּן אַז דוּ הֶערְסְט מִיךְ אוֹיס וֶוען אִיךְ רֶעד צוּ דִיר"** וְכוּ'. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, עֶס אִיז אַ רַחֲמָנוּת אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס מֵיינְט אַז עֶר הָאט אֵיינֶעם וָואס קֶען אִים הֶעלְפְן, אַ רַחֲמָנוּת, אַ רַחֲמָנוּת; אַ מֶענְטְשׁ הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט בָּזֶה הָעוֹלָם, נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס וֶוערְט נִתְגַלֶּה פּוּרִים, דָאס הָאט אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה גֶעטוּן מִיט דִי אִידְן, זִי הָאט אַיינְגֶעלַאדְנְט הָמָן מִיט אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ פַאר אַ סְעוּדָה, אַז דִי אִידְן זָאלְן זִיךְ נִישְׁט אַיינֶרֶעדְן אוּן זָאגְן (מְגִילָּה טו:): "אָחוֹת יֵשׁ לָנוּ בְּבֵית הַמֶּלֶךְ", מִיר הָאבְּן אַ קַאנְדִידַאט אִין פַּאלַאץ וָואס וֶועט אוּנְז הֶעלְפְן; וַוייל וֵויי אוּן בִּיטֶער אִיז אַז מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיף אַ בָּשָׂר וָדָם, מִיר הָאבְן נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז מֶען בֶּעט, אַז מֶען שְׁרֵייט צוּ אִים– הֶעלְפְט עֶר, וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תְּצַוֶּה תשפ"ו-פ"ה)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### אַ פְרֵיילִיכְן פּוּרִים

מִיר דֶערְנֶענְטֶערְן זִיךְ שׁוֹין צוּם הֵיילִיגְן אוּן פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב פּוּרִים, וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה אוֹיסְצוּנוּצְן דֶעם פּוּרִים ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, עֶר טוּט אַלֶע מִצְוֹת פוּן פּוּרִים, אוּן עֶר נֶעמְט אַרָאפּ אַבִּיסְל צַייט זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים צוּ דֶערְצֵיילְן אַלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן וָואס עֶר גֵייט אַרִיבֶּער. סֵיי בְּרוּחֲנִיוּת, ווִי שְׁוֶוער עֶס אִיז אִים בַּייצוּקוּמֶען דֶעם שְׁוֶוערְן יֵצֶר הָרַע וָואס בְּרֶענְט אִים. אוּן סֵיי בְּגַשְׁמִיּוּת דִי צָרוֹת אוּן שְׁוֶועריקֵייטְן וָואס עֶר לַיידְט אִין לֶעבְּן; דַאן וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן פּוּרִים אוּן עֶס וֶועט אִים זַיין פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ יָאר. עֶס וֶועט אִים זַיין גוּט אוּן פְרֵיילִיךְ סֵיי אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן סֵיי אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

### לֵיינֶען דִי מְגִילָּה

דִי מִצְוָה פוּן לֵיינֶען דִי מְגִילָּה אִיז גָאר

<<<<<<

## א גוטווארט

עֶס קוּמְט פּוּרִים, ווִי אַזוֹי גְרֵייט מֶען זִיךְ אוֹיף אַזַא הֵיילִיגֶע יוֹם טוֹב? דוּרְךְ שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער רַאטֶעוֶוע מִיךְ פוּן הָמָן אוּן פוּן עֲמָלֵק, רַאטֶעוֶוע מִיךְ פוּן זֵייעֶר טוּמְאָה, זֵיי ווִילְן מִיךְ אַוֶועק נֶעמֶען פוּן אֱמוּנָה, זֵיי ווִילְן מִיךְ מְטַמֵּא זַיין מִיט טֶבַע, מִקְרֶה, מַזָּל, אוּן מִיט נִיאוּף, טַאטֶע רַאטֶעוֶוע מִיךְ" וְכוּ' וְכוּ'.

יֶעצְט וֶוען עֶס קוּמֶען אַזֶעלְכֶע הֵיילִיגֶע טֶעג אִיז אַ צַייט זִיךְ צוּ בַּאנֵייעֶן אִין לִימוּד הַתּוֹרָה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת פח.): "הָדוּר קִבְּלוּהָ", דִי אִידְן הָאבְּן נָאכְאַמָאל מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה בִּימֵי מָרְדְּכַי מִיט לִיבְּשַׁאפְט; אִיז יֶעצְט אַ גוּטֶע צַייט צוּרִיק אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען מִשְׁנַיּוֹת אוּן גְמָרָא אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּין (כַּמְּבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), צוּ לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תְּצַוֶּה תשפ"ו)

**אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א**

# פּוּרִים, אַ צַייט זִיךְ אִיבֶּערְצוּבֶּעטְן

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ה' אָדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

פּוּרִים אִינְדֶערְפְרִי גְלַייךְ נָאכְן דַאוֶונֶען זָאלְסְטוּ זֶען צוּ מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה פוּן מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת אִישׁ לְרֵעֵהוּ אוּן דִי מִצְוָה פוּן מַתָּנוֹת לָאֶבְיוֹנִים.

גֶעבּ פַאר דַיינֶע עֶלְטֶערְן מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת, פּוּרִים אִיז אַ גוּטֶע צַייט צוּ מַאכְן שָׁלוֹם מִיטְן שִׁיקְן אַ מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת, שָׁלוֹם מַאכְן מִיט מִשְׁפָּחָה, שְׁכֵנִים אוּן חֲבֵרִים וָואס מֶען הָאט זִיךְ אִינְמִיטְן יָאר פַארְטְשֶׁעפֶּעט, עֶס דַארְף נִישְׁט זַיין קַיין טַייעֶרֶע זַאכְן, דֶער עִיקָר אִיז דִי הַארְץ, אוּן מִיט דֶעם מֶעקְט מֶען אוֹיס עֲמָלֵק. וַוייל הָמָן אוּן עֲמָלֵק ווִילְן נָאר מַאכְן פֵּירוּד לְבָבוֹת, זֵיי ווִילְן נָאר מְקַטְרֵג זַיין אֵיינֶער אוֹיפְן צְוֵוייטְן אוּן מִיט דֶעם וָואס מֶען אַנְטְלוֹיפְט פוּן מַחְלוֹקֶת אוּן מֶען זוּכְט ווִי מֶער צוּ פַארְמֶערְן שָׁלוֹם אוּן לִיבְשַׁאפְט - אִיז מֶען מְקַיֵּים דִי מִצְוָה פוּן אוֹיסְמֶעקְן הָמָן עֲמָלֵק; דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ זִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה, שְׁכֵנִים אוּן חֲבֵרִים, אוּן זִיכֶער מִיט דַיינֶע עֶלְטֶערְן. זָאלְסְט זֵיי אַרוּמְנֶעמֶען אוּן זֵיי אִיבֶּערְבֶּעטְן, מִיט דֶעם וֶועסְטוּ פּוֹעֵלְ'ן דַיין יְשׁוּעָה.

לִיבֶּער בְּרִידֶער הַיינְט פּוּרִים אִיז אַ גוּטֶע צַייט זָאלְסְט זִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן מִיט דַיינֶע עֶלְטֶערְן, נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ ווִי מְכַבֵּד זַיין עֶלְטֶערְן אוּן מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַאר עֶלְטֶערְן, אוּן אוֹיךְ וֶוען עֶס קוּמְט אָן שְׁוֶוער, מֶען הָאט עֶלְטֶערְן וָואס אִיז שְׁוֶוער צוּ זַיין מִיט זֵיי וְכוּ' - אִיז נָאךְ מֶער חָשׁוּב דִי מִצְוָה, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ה, כג): "לְפוּם צַעֲרָא אַגְרָא"; זָאלְסְטוּ הַיינְט אִינֶעם הֵיילִיגְן טָאג פּוּרִים זִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן מִיט זֵיי, גֵיי אַרוֹיף צוּ זֵיי, בְּרֶענְג זֵיי מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת אוּן בֶּעט זִיךְ אִיבֶּער, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר מוֹחֵל זַיין אוּן דִיר גֶעבְּן אַלֶע דַיינֶע בַּקָשׁוֹת.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תְּצַוֶּה תשפ"ו)

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תְּשׁוּבָה

ט. הַמְלַמֵּד אֶת בֶּן חֲבֵרוֹ תּוֹרָה, כְּאִלּוּ עֲשָׂאוֹ וּכְאִלּוּ עֲשָׂאוֹ לְדִבְרֵי תוֹרָה וּכְאִלּוּ עֲשָׂאוֹ לְעַצְמוֹ. וֶוער עֶס לֶערְנְט תּוֹרָה מִיט אַ צְוֵוייטְנְ'ס קִינְד, אִיז אַזוֹי ווִי עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן דָאס קִינְד, בַּאשַׁאפְן דִי דִבְרֵי תּוֹרָה, אוּן אַזוֹי ווִי עֶר הָאט זִיךְ אַלֵיין בַּאשַׁאפְן.

י. רַב פָּפָּא יְתִיב בְּתַעֲנִיתָא, עַל שֶׁקָּרָא לְתַלְמִיד חָכָם בִּלְשׁוֹן גְּנַאי. רַב פָּפָּא הָאט גֶעפַאסְט אַ תַּעֲנִית צוּ תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט אָנְגֶערוּפְן אַ תַּלְמִיד חָכָם אוֹיף נִישְׁט אַ שֵׁיינֶע וֶועג.

<<<<<< מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

גְרוֹיס, יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז מְחוּיָב צוּ לֵיינֶען אָדֶער הֶערְן דִי מְגִילָה, סֵיי מֶענֶער אוּן סֵיי פְרוֹיעֶן, אוּן אוֹיךְ דִי קִינְדֶער דַארְף מֶען מְחַנֵּךְ זַיין צוּ הֶערְן דִי מְגִילָה לֵיינֶען. לְכַתְּחִילָה דַארְף מֶען גֵיין אִין שׁוּל צוּ הֶערְן דִי מְגִילָה לֵיינֶען, וַוייל "בְּרוֹב עָם הַדְרַת מֶלֶךְ". אוּן אוֹיבּ קֶען מֶען נִישְׁט גֵיין אִין שׁוּל, דַארְף מֶען לֵיינֶען דִי מְגִילָה אִינְדֶערְהֵיים אָדֶער וואוּ מֶען גֶעפוּנְט זִיךְ.

וֶוען מֶען הֶערְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי מְגִילָה, אוּן מֶען טְרַאכְט אַרַיין אִין וָואס דָארְט הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁפִּילְט, זֶעט מֶען ווִי דִי אַלֶע גְרוֹיסֶע נִסִּים זֶענֶען גֶעוֶוען בַּאהַאלְטְן אִין דִי טֶבַע. דָאס מֵיינְט אַז פוּן אוֹיבְּן-אוֹיף וָואלְט מֶען גֶעקֶענְט מֵיינֶען אַז דִי אַלֶע זַאכְן הָאט פָּשׁוּט אַזוֹי פַּאסִירְט, אַז פּוּנְקְט הָאט אַחַשְׁוֵרוֹשׁ זִיךְ אוֹיפְגֶערֶעגְט אוּן גֶע'הַרְגֶ'ט זַיין קֶענִיגִן וַשְׁתִּי, אַז פּוּנְקְט הָאט מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעהֶערְט אוּן פַארְשְׁטַאנֶען אַז בִּגְתָן אוּן תֶּרֶשׁ ווִילְן הַרְגְ'עֶנֶען דֶעם קֶענִיג, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה קוּקְט אוֹיס ווִי אַלֶעס אִיז גֶעשֶׁען בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע.

וֶוען דִי מַעֲשֶׂה הָאט זִיךְ אָבֶּער גֶעעֶנְדִיגְט, אוּן מֶען הָאט צוּזַאמְגֶעשְׁטֶעלְט דִי אַלֶע פַּאסִירוּנְגֶען, הָאט מֶען קְלָאר גֶעזֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאס אַלֶעס גֶעפִירְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגְן חֶשְׁבּוֹן צוּ הֶעלְפְן אוּן צוּ רַאטֶעוֶוען דִי אִידְן.

דָאס אִיז גָאר אַ שְׁטַארְקֶע חִיזּוּק פַאר דִי שְׁפֶּעטֶערְדִיגֶע דוֹרוֹת, אַז אֲפִילוּ וֶוען עֶס קוּמְט אַ צַייט וָואס מֶען זֶעט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן אוּן עֶס קֶען אוֹיסְזֶען ווִי עֶר הָאט אוּנְז אִינְגַאנְצְן פַארְלָאזְט אוּן עֶר קוּקְט זִיךְ נִישְׁט אוּם אוֹיף דֶער וֶועלְט. דַארְף מֶען אָבֶּער ווִיסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג דָא מִיט אוּנְז, עֶר פִירְט יֶעדֶע זַאךְ, אוּן אֲפִילוּ דִי זַאכְן וָואס זֶעעֶן אוֹיס ווִי עֶס פַּאסִירְט פָּשׁוּט בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע, וֶוערְן אֶמֶתְ'דִיג אוֹיךְ גֶעפִירְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית, אַלֶעס הָאט אַ פּוּנְקְטְלִיכְן חֶשְׁבּוֹן פַארְוָואס דָאס דַארְף אַזוֹי צוּ זַיין.

וֶוען מֶען הֶערְט אוֹיס דִי מְגִילָה לֵיינֶען, דַארְף מֶען זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן אַזוֹי ווִי דִי מַעֲשֶׂה הָאט יֶעצְט פַּאסִירְט מִיט יֶעדְן מֶענְטְשׁ. וַוייל וֶוען מֶען קוּקְט גוּט זֶעט מֶען אַז אוֹיךְ הַיינְט טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט יֶעדְן מֶענְטְשׁ גְרוֹיסֶע נִסִּים, נָאר זֵיי זֶענֶען בַּאהַאלְטְן אוּן זֶעעֶן אוֹיס ווִי אַ דֶרֶךְ הַטֶּבַע. דִי פְלִיכְט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אִיז אַרַיינְצוּטְרַאכְטְן אִין דֶעם, צוּ זֶען אוּן בַּאמֶערְקְן דִי אַלֶע נִסִּים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אִים כְּסֵדֶר, אַזוֹי ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט דִי אִידְן דֶעמָאלְט אִין דִי צַייטְן פוּן מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק אוּן אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה.

### מֶען טֵיילְט פַאר יֶעדְן

חֲזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי מְגִילָה פֶּרֶק א', הֲלָכָה ד') אַז אִין יוֹם טוֹב פּוּרִים "כָּל מִי שֶׁהוּא פּוֹשֵׁט אֶת יָדוֹ לִטּוֹל, נוֹתְנִין לוֹ" - וֶוער עֶס שְׁטְרֶעקְט אוֹיס אַ הַאנְט צוּ נֶעמֶען, גֶעבְּט מֶען אִים. בִּפְשַׁטְוּת מֵיינְט דָאס אַז אוּם פּוּרִים טֵיילְט מֶען צְדָקָה פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, מֶען קוּקְט קֵיינֶעם נִישְׁט נָאךְ, נָאר וֶוער עֶס שְׁטְרֶעקְט אוֹיס אַ הַאנְט צוּ נֶעמֶען צְדָקָה, גֶעבְּט מֶען אִים.

דָאס גֵייט אָבֶּער אוֹיךְ אַרוֹיף אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער. אִין דֶעם הֵיילִיגְן טָאג פּוּרִים אִיז דָא אַ גֶעוַואלְדִיגֶער עֵת רָצוֹן, אוּן וָואס אַ מֶענְטְשׁ בֶּעט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן גֶעבְּט מֶען אִים גְלַייךְ. מֶען קוּקְט אִים נִישְׁט נָאךְ צוּ זֶען אוֹיבּ עֶר אִיז יָא וֶוערְד אַז מֶען זָאל אִים הֶעלְפְן אָדֶער נִישְׁט.

אִין תִּקּוּנֵי זוֹהַר (נ"ז:) וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אַז "פּוּרִים" אִיז אַזוֹי ווִי "יוֹם כִּפּוּרִים". יוֹם כִּיפּוּר אִיז דָאךְ דִי הֵיילִיגְסְטֶע טָאג פוּן יָאר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מוֹחֵל פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת. אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז אִין פּוּרִים, וָואס דֶעמָאלְט אִיז גָאר אַ הֵיילִיגֶע אוּן גֶעהוֹיבֶּענֶע צַייט. וֶוען אַ אִיד הָאט שֵׂכֶל אוּן נוּצְט אוֹיס דֶעם טָאג ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, עֶר רֶעדְט זִיךְ אוֹיס זַיין גַאנְצֶע הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף, קֶען עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען גָאר גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת גְרִינְגֶערְהֵייט.

אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס שְׁפִּירְט אַז עֶר אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁוֶוערֶע אוּן

<<<<<<

בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת, עֶר פִּילְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים שׁוֹין נִישְׁט הָאבְּן; וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב פּוּרִים אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט פַאר אִים זִיךְ צוּרִיק צוּ קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל אִין פּוּרִים קוּקְט מֶען קֵיינֶעם נִישְׁט נָאךְ, מֶען קוּקְט נִישְׁט אוֹיבּ מֶען אִיז יָא וֶוערְד אָדֶער נִישְׁט. אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גֶעטוּן דִי עֶרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת, קֶען זִיךְ יֶעצְט אוֹיפְהוֹיבְּן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל אִים מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אוּן אַז עֶר זָאל אִים הֶעלְפְן אַז פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער זָאל עֶר שׁוֹין זַיין נָאר וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים זִיכֶער אוֹיפְנֶעמֶען מִיט בֵּיידֶע הֶענְט, עֶר וֶועט אִים מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, אוּן עֶר וֶועט אִים אַרוֹיסְהֶעלְפְן מִיט אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף.

## מִשְׁתֵּה הַיַּיִן

חֲזַ"ל זָאגְן (מְגִילָה ז:) "חַיָּב אִינִישׁ לְבַסּוּמֵי בְּפּוּרַיָּא עַד דְלָא יָדַע בֵּין אָרוּר הָמָן לְבָרוּךְ מָרְדְכַי", פּוּרִים דַארְף מֶען טְרוּנְקֶען וַויין בִּיז מֶען וֵוייסְט שׁוֹין נִישְׁט קַיין חִילוּק פוּן "אָרוּר הָמָן" צוּ "בָּרוּךְ מָרְדְכַי". דָאס אִיז אַלְס זֵכֶר צוּ דִי גְרוֹיסֶע נִסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט דִי אִידְן דוּרְךְ וַויין.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דָאס טְרִינְקֶען וַויין דַארְף זַיין מִיט שֵׂכֶל, מֶען דַארְף גֶעדֶענְקְן אַז מֶען דַארְף נָאךְ בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן, דַאוֶוענֶען מַעֲרִיב, אוּן לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה. דֶערְפַאר אִיז גֶענוּג וֶוען מֶען טְרִינְקְט צְוֵויי דְרֵיי כּוֹסוֹת מֶער פוּן וִויפִיל מֶען אִיז צוּגֶעוואוֹינְט, בִּיז דִי קָאפּ הֵייבְּט זִיךְ אָן צוּ דְרֵייעֶן אוּן מִיט דֶעם הָאט מֶען יוֹצֵא גֶעוֶוען. נִישְׁט וִוי דִי וָואס טְרִינְקְן זִיךְ אָן אוּן וֶוערְן שִׁיכּוֹר וִוי לוֹט, אוּן זֵיי פַארְפַאסְן בֶּענְטְשְׁן, דַאוֶוענֶען, אוּן קְרִיאַת שְׁמַע; וָואס הָאבְּן זֵיי אוֹיפְגֶעטוּן מִיט דֶעם? אוֹיסֶער דֶעם דַארְף מֶען וִויסְן אַז דָאס טְרִינְקֶען טָאר נִישְׁט צוּבְּרֶענְגֶען אַז מֶען זָאל צוּלִיבּ דֶעם שֶׁעדִיגְן אָדֶער שְׁלָאגְן אַ צְוֵוייטְן אִיד חַס וְשָׁלוֹם.

דֶער עִיקָר צוּ וָואס מֶען דַארְף צוּקוּמֶען אִיז אַז מֶען

<<<<<<



ווערט געפירט דורך הר"ר יוסף כ"ץ שליט"א, און די יונגערע קינדער דורך הר"ר יעקב גוטמאן שליט"א. לויט'ן יעצטיגן שנעלן וואוקס, זעט אויס אז מ'וועט בקרוב דארפן עפענען נאך כיתות אין בית שמש.

די הנהלה שטעלט קלאר אז דאס אריבערציען איז נישט מיט'ן ציל צו שפארן געלט; פארקערט, די רענט פאר די גרעסערע לאקאלן אין בית שמש איז נאך טייערער ווי אין ירושלים. מען האט דא בלויז אינזין די טובה פון די קינדער, און ב"ה מען זעט שוין דעם שטארקן פאזיטיוון השפעה אויף די קינדער. אין ירושלים זענען די מוסדות געווען אין זייער אן ענגע און קליינע פלאץ, וואו די קינדער האבן נישט געהאט קיין פלאץ צו לויפן און שפילן. אבער דא אין בית שמש זעט מען שוין ווי די קינדער בליען און וואקסן אין א געזונטערע סביבה, געניסנדיג פון ברייטע און באקוועמע חדרים.

ווי דער ראש ישיבה שליט"א זאגט, מען קוקט נישט ווען מען ציט זיך אריבער צו א נייע פלאץ אויף וואו עס איז ביליגער אדער די וועטער; דער עיקר און די ערשטע זאך דארף זיין די מוסדות החינוך – וואו וועלן מיינע קינדער לערנען? צוליב דעם זענען דא עטליכע משפחות פון ירושלים וואס פלאנען זיך אריבערצוציען קיין בית שמש.

אויסער דעם וואס עס זעט אויס אז די צענטראלע מוסדות פון היכל הקודש אין ארץ ישראל וועלן דארט אויפגעבויט ווערן, קען מען אין בית שמש באקומען פיל שענערע און גרעסערע דירות פאר פיל בעסערע פרייזן.

די הנהלה האפט אז אין א קורצע צייט וועלן זיי קענען איינקויפן אן אייגענע שטח מיט הערליכע בנינים פאר אלע אפטיילונגען פון די מוסדות.

### שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# גְרֵייטְן צוּם יוֹם טוֹב מִיט רוּאִיגְקֵייט?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

מַיין וַוייבּ בֶּעט מִיר אִיךְ זָאל פְרֶעגְן אַן עֵצָה פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, עֶס דֶערְנֶענְטֶערְט זִיךְ דִי הֵיילִיגֶע יָמִים טוֹבִים פוּן פּוּרִים אוּן פֶּסַח, אוּן דָאס דֶערְמַאנְט אִיר וָואס זִי הָאט מִיטְגֶעמַאכְט לֶעצְטֶע יָאר אִין דִי צַייטְן, וִוי שְׁוֶוער זִי הָאט זִיךְ גֶעמוּטְשֶׁעט, וִוי שְׁוֶוער זִי הָאט גֶעאַרְבֶּעט, וִויפִיל לַחַץ אוּן דְרוּק זִי הָאט גֶעהַאט, וִוי זִי הָאט מַמָּשׁ גֶעפְּלַאצְט אוּן נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְנֶעמֶען דִי שְׁוֶועריִקֵייטְן; אוּן יֶעצְט וֶוען עֶס קוּמְט נָאכְאַמָאל, וִויל זִי נִישְׁט עֶס זָאל זִיךְ נָאכְאַמָאל אִיבֶּערְ'חַזֶר'ן דִי זֶעלְבֶּע, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זַיין רוּאִיג, זִיךְ גְרֵייטְן צוּ דִי יָמִים טוֹבִים מִיט אַ רוּאִיגְקֵייט.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ה' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, ב' אָדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוען עֶס קוּמֶען דִי יָמִים טוֹבִים טֶעג, אוּן מֶען דַארְף אָנְגְרֵייטְן דִי שְׁטוּבּ – דַארְף מֶען צֶעטֵיילְן דִי אַרְבֶּעט צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ, דִי וַוייבּ שְׁטֶעלְט אַהֶער דֶעם יוֹם טוֹב, אָבֶּער דָאס קֶען נָאר אַרְבֶּעטְן אַז דֶער מַאן מַאכְט אִיר פְרֵיילִיךְ, אַז עֶר קוּמְט אַהֵיים פְרֵיילִיךְ, אוּן מַאכְט צַייט אִיר אוֹיסְהֶערְן אוּן אוֹיסְרֶעדְן.

דַיין אַרְבֶּעט אִיז בַּארוּאִיגְן דַיין וַוייבּ אוּן אִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן, זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט דִי עֵצוֹת אוּן חִיזוּק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן זִיךְ אִינְאֵיינֶעם אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, זִיךְ יֶעדְן טָאג אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּפְרַט וֶוען עֶס קוּמְט אַ שַׁבָּת אוּן אַ יוֹם טוֹב דַארְף מֶען זִיךְ פוּן פְרִישׁ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ב): **"וְדַרְכִּי, כְּשֶׁבָּא הַיּוֹם אֲנִי מוֹסֵר כָּל הַתְּנוּעוֹת שֶׁלִּי וְשֶׁל בָּנַי וְהַתְּלוּיִים בִּי עַל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁיִּהְיֶה הַכֹּל כִּרְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ, וְזֶה טוֹב מְאֹד"**, אִיךְ פִיר זִיךְ אַז יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי וֶוען אִיךְ שְׁטֵיי אוֹיף גֶעבּ אִיךְ זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ גֶעבּ אִיבֶּער אַלֶע מַיינֶע מַחְשָׁבוֹת, אַלֶע מַיינֶע דִיבּוּרִים אוּן אַלֶע מַיינֶע מַעֲשִׂים פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, **"גַּם אֲזַי אֵין צָרִיךְ לִדְאֹג וְלַחְשֹׁב כְּלָל 'אִם מִתְנַהֵג כָּרָאוּי אִם לָאו', מֵאַחַר שֶׁסּוֹמֵךְ עָלָיו יִתְבָּרַךְ. וְאִם הוּא יִתְבָּרַךְ רוֹצֶה בְּעִנְיָן אַחֵר, הוּא מְרֻצֶּה לְהִתְנַהֵג בְּעִנְיָן אַחֵר כִּרְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ"**, עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן גְלַייךְ אִינְדֶערְפְרִי, אַזוֹי דַארְף אִיךְ נִישְׁט טְרַאכְטְן נָאכְדֶעם 'צִי אִיךְ הָאבּ גוּט גֶעטוּן אוּן אֶפְשָׁר וָואלְט אִיךְ גֶעדַארְפְט טוּן פַארְקֶערְט', וַוייל אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַלֶעס זִיכֶער גוּט, **"וְכֵן כְּשֶׁמַּגִּיעַ שַׁבָּת אוֹ יוֹם טוֹב"**, אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען עֶס קוּמְט שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב, **"אֲזַי אֲנִי מוֹסֵר כָּל הַהִתְנַהֲגוּת וְכָל הָעִנְיָנִים וְהַתְּנוּעוֹת שֶׁל אוֹתוֹ הַשַּׁבָּת אוֹ הַיּוֹם טוֹב, לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, שֶׁיִּהְיֶה הַכֹּל כִּרְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ"**, גֶעבּ אִיךְ זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּער פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, **"וַאֲזַי, אֵיךְ שֶׁמִּתְנַהֵג בְּאוֹתוֹ הַשַּׁבָּת וְיוֹם טוֹב, שׁוּב אֵינוֹ חוֹשֵׁב וְחוֹשֵׁשׁ כְּלָל שֶׁמָּא לֹא יָצָא יְדֵי חוֹבָה בְּהַנְהָגַת קְדֻשַּׁת אוֹתוֹ הַיּוֹם, מֵאַחַר שֶׁכְּבָר מָסַר הַכֹּל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְסָמַךְ עָלָיו יִתְבָּרַךְ לְבַד"**, אַזוֹי בִּין אִיךְ רוּאִיג אוּן פְרֵיילִיךְ פוּנֶעם שַׁבָּת אוּן פוּנֶעם יוֹם טוֹב, אִיךְ דַארְף נִישְׁט אִיבֶּערְטְרַאכְטְן אוּן אִיבֶּערְקְלֶערְן צִי אִיךְ הָאבּ גוּט גֶעטוּן אָדֶער נִישְׁט.

מַאךְ פְרֵיילִיךְ דַיין וַוייבּ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה ו:): **"אִשָּׁה, בַּעְלָהּ מְשַׂמְּחָהּ"**, דֶער מַאן דַארְף פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי וַוייבּ; וֶועט זִי קֶענֶען אוֹיפְנֶעמֶען אַלֶע יָמִים טוֹבִים רוּאִיג מִיט שִׂמְחָה.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תְּרוּמָה תשפ"ו)

<<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

זָאל נִישְׁט וִויסְן קַיין חִילוּק צְווִישְׁן "אָרוּר הָמָן" אוּן "בָּרוּךְ מָרְדְּכַי". מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק אִיז דִי גְרֶעסְטֶע קְדוּשָׁה וָואס עֶס אִיז נָאר דָא, אוּן הָמָן הָרָשָׁע אִיז דִי גְרֶעסְטֶע טוּמְאָה וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין מֶענְטְשְׁן סְפֵיקוֹת אוּן קֻשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס מַאכְט אַז מֶען זָאל טוּן עֲבֵירוֹת אוּן זִיךְ אָפְּרַייסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן חַס וְשָׁלוֹם.

פּוּרִים דַארְף מֶען צוּקוּמֶען צוּ וִויסְן אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס לִיגְט שׁוֹין טִיף אִינֶעם "אָרוּר הָמָן", זַיין גַאנְצֶער קָאפּ אוּן מֹחַ לִיגְט נָאר אִין עֲבֵירוֹת, עֶר הָאט שׁוֹין גֶעטוּן אַזוֹי סַאךְ עֲבֵירוֹת אִין זַיין לֶעבְּן אוּן עֶר אִיז אַזוֹי וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ אַזַא מֶענְטְשׁ אִיז אוֹיךְ אַ "בָּרוּךְ מָרְדְּכַי", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אוֹיךְ מִיט אִים שְׁטֶענְדִיג, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן אִים קֵיינְמָאל, עֶר דַארְף נָאר עֶפֶענֶען זַיין מוֹיל אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִין יֶענֶע סֶעקוּנְדֶע אִיז עֶר שׁוֹין צוּרִיק בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת.

(קוּנְטְרֵס אַ פְרֵיילִיכְן פּוּרִים)

## מוסדות היכל הקודש ברסלב

נתייסדה ע"י כ"ק מוהרא"ש זי"ע - בנשיאות ראש הישיבה שליט"א

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגן ברכת מזל טוב פאר'ן

## ראש ישיבה שליט"א

**צו די שמחת בר מצוה פון זיין זון**

הבחור כמר **יצחק דוד רוטה** הי"ו

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דער ראש ישיבה שליט"א זאל זען אסאך אידיש נחת פון אלע קינדער און אייניקלעך און תלמידים, דורות ישרים ומבורכים, געזונט און פרנסה מיט פיל אידיש נחת; דער ראש ישיבה שליט"א זאל ווייטער קענען ממשיך זיין מיט די עבודת הקודש צו מחזק זיין אידישע קינדער איבער די גאנצע וועלט, אריינברענגען די עצות פון הייליגן רבי'ן אין אידישע קינדער, אזוי ווי מוהרא"ש האט אונז געלערנט, מיט בני ברוכי חיי אריכי ומזוני רויחי וסייעתא דשמיא

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **מנחם מענדל שימשאוויטש** הי"ו בארא פארק
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **דוד ניישטיין** הי"ו קרית יואל
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **שלמה שטיינבערג** הי"ו בארא פארק
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

החתן **ישראל בוים** הי"ו מאנסי
**צו זיין שידוך שליסן למזל טוב עב"ג**

***

מו"ה **משה לעווינזאן** הי"ו צפת
**צו די שידוך שליסן פון זיין זון למזל טוב**
החתן **אלכסנדר זושא לעווינזאן** הי"ו עב"ג בת
מו"ה **מרדכי לעווינזאן** הי"ו ירושלים עיה"ק

***

מו"ה **נפתלי צבי קארנבלי** הי"ו טבריה
**צו די שמחה פון זיין זון למזל טוב**
החתן **חיים נחום קארנבלי** הי"ו עב"ג בת
מו"ה **אלימלך שארף** הי"ו יבנאל

# בחורים וועלן אי"ה משמח זיין אום יום טוב פורים

ווי געמאלדן פאראגאנגענע וואך, וועלן די בחורים אויך דאס יאר ארומגיין משמח זיין אום יום טוב פורים, ביינאכט און בייטאג, ביי נדיבים בעם וואס שפירן א זכי' ארויסצוהעלפן די הייליגע מוסדות פונעם ראש ישיבה שליט"א וואס העלפן אזויפיל אידישע קינדער איבער דער גארער וועלט.

אויב ווילט איר געבן גרעסערע סכומים פאר די הייליגע ישיבה, אדער ווייסט איר פון א שכן, קרוב, אדער גוטער פריינט וואס וואלט געהאט חשק די בחורים זאלן ארויפקומען צו אים אום יום טוב פורים, זעט צו רופן ווי פריער, ווייל מען וועט נאר קענען אננעמען ביז ווילאנג די ליסטע ווערט פול.

אין ברוקלין קען מען זיך מעלדן צו הבחור שמשי קאהאן נ"י, און אין קרית ברסלב ליבערטי קען מען רופן הבחור אברהם לעזער נ"י.

# מוסדות היכל הקודש אין בית שמש

אין א דראמאטישע אנטוויקלונג פאר מוסדות היכל הקודש אין ארץ ישראל, איז די וואך דינסטאג פולקאם אריבערגעפירט געווארן סיי דער חדר פאר די אינגלעך און סיי די מיידל שולע פאר די מיידלעך פון ירושלים קיין בית שמש. דאס איז אן אומגעווענליכע געשעעניש וואס איז צושטאנד געקומען נאך אסאך תפילה והתבודדות.

די הויפט סיבה פאר דעם דאזיגן שריט איז צוליב דעם וואס בערך אכציג פראצענט פון די משפחות וואס שיקן זייערע קינדער אין די מוסדות וואוינען אין בית שמש. דערצו זענען געווען נאך פילע משפחות אין בית שמש וואס האבן באמת געוואלט שיקן זייערע קינדער, אבער האבן זיך צוריקגעהאלטן בעיקר צוליב די שווערע נסיעות יעדן טאג קיין ירושלים. עס איז דעריבער קלאר געווארן אז עס איז נישט מער ווי יושר אריבערצופירן די מוסדות דארט וואו די קינדער געפינען זיך.

אזוי ארום איז געווארן א נייע מציאות: די קינדער פון ירושלים פארן יעדן טאג קיין בית שמש, אנשטאט ווי עס איז געווען ביז יעצט ווען די בית שמש'ער קינדער פלעגן רייזן יעדן טאג קיין ירושלים.

אבער, ווען דער באשטימטער טאג איז אנגעקומען, איז דער צוגעגרייטער פלאץ פארן חדר נאכנישט געווען אינגאנצן גרייט. אלס רעזולטאט האט מו"ה יצחק ראטה הי"ו מנדב געווען זיין אייגענע דירה מען זאל עס קענען נוצן פארן חדר. אין די לעצטע צוויי טעג איז זיין גאנצע שטוב – דער דיינינג רום, די קאך, און די שלאף צימערן – אלעס פארוואנדלט געווארן אין א מקום תורה פאר די לויטערע תינוקות של בית רבן.

יעצט איז שוין די צייטווייליגע געביידע פאר די חדר ב"ה גרייט. פילע יונגעלייט און בחורים פון אנשי שלומינו העלפן ארויס אריבערצופירן דעם חדר צום נייעם לאקאציע, וואו עס וועט בעז"ה בלייבן ביז מען וועט קענען אויפשטעלן אן אייגענע געביידע.

בלויז צוויי טעג נאכדעם וואס די מוסדות האבן זיך געעפנט אין בית שמש, זענען שוין צוגעקומען פרישע קינדער וואס האבן זיך איינגעשריבן, און עס איז דא נאך א שיינע צאל קינדער וואס ווארטן אריינצוקומען. די הנהלה געבט איבער אז די מוסדות וואקסן יעצט גאר שנעל, ווען עס קומען כסדר אריין נייע טעלעפאן רופן פון עלטערן וואס ווילן דרינגענד איינשרייבן זייערע קינדער.

אויסער די תלמידים פון ירושלים און בית שמש, קומען די עלטערע קינדער – די כיתה פון הר"ר אבא חייא רייזמאן שליט"א פון בני ברק - יעדן טאג קיין בית שמש. די מיטעלע כתה

<<<<<<

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

**און מיר וועלן עס שיקן צו אייך אהיים בעז"ה**

## שמחה וששון ויקר

**גרייט אייך צו די פרייליכע פורים טעג! שיעורי תורה, חיזוק, הלכות, לימודים פורים'דיגס, פאר קינדער, ליינען די מגילה**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 1, 9, 5**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >